(?נ?) ם ג ע ק – דער. בנב.

1713 " שויא דאך אן דען גרושן געק// איצונדר
ווילשטו מיר דען בוקל איין שמייסן". מכירת יוסף,
ציט אורע III, ז' 496.

2 - גרין

ג ע ק א ד ו י ט ש ע ט - פאר פון קאדויטשען.

3 — גאַן

ג ע ק אָ ד ע ר ט — <u>פֿאַר פֿון</u> <u>קאָדערן</u>, |<u>האַרקאַווי</u>|.

ג ע ק א ו ו י ר ט - פֿאַר פֿון קאַווירן.

ג ע ק אָ ו ר ע ט - 1. פֿאַר פֿון קאַוועָן.

2. אַדי/אַדוו. מיט אײַזערנע רייפֿן אויף די רעדער.

% געקאַוועטע ראָד.

1906 " איין מאָל פֿאַר נאַכט פֿאָר איך מיר אַהיים |...|,

באַגעגן איך אים פֿאָרן מיט זײַן |...| געקאַוועטער 15/א

בריטשקע". שלום=עליכם, 7ב, 127.

3. מיט אָנגעשלאָגענע טשוועקעס אָדער אײַזנדלעך אויף

די שיך. % געקאַוועטע שטיוול. געקאַוועטע טריט.

1928 " עס הערן זיך פֿון די טראָטואַרן שווערע געקאַוועטע

טריט פֿון שפּאַנענדיקע מענטשן". בערגלסאָן, 11א. 18

1948 " געטומלט האָבן דײַטשן ערגעץ גאָר ניט ווײַט,//

פֿון שיך געקאַוועטע געהערט האָט זיך דאָס קלאַפּן". 14

מאַרקיש, 9, 37.

4. געבונדן אין קייטן.

1910 " מיט קייטן צי שורות געקאוועט אין ווינדן".
פרוג, 1, 141. 19

5. (פיג) גוט איינגעניט, באהאוונט. % ער איז א
געקאוועטער אין דער שניטבראנזשע, א מבין אויף
יעדער סחורה, ווייסט אלע פרייזן.

1867 " אז מען איז נאך ניט אזוי גוט געקאוועט פון
אלע זייטן מיט געשעפטס=קענטעניש |...| בלייבט מען 10
דערקוועטשט". פער 177, ג' 30, ז' 229 - II.

6. (פיג) עכט, אמתדיק, אויסגעפרוווט, הונדערטפראצענטיק.

1895 " און די צוויי מחותנים גייען |...| א קאזאטשקע
|...| אזוי ווי אזוינע באיארט, שווערע, הייסע 22
חסידים און געקאוועטע יידן דארפן צו זיין".
לינעצקי, 9, 100.

1930-1926 " ווי זי האָט זיך דאָס צוגעפּוצט צו מיר, |...|
די <u>געקאָווע‍טע</u> ליטוואַטשקע". <u>אָפּאַטאַשו, 6, 124</u>. 16

1966 " אַ יונגערמאַן, אין אַ פּאַרוואָרפֿן שטעטעלע, זאָל
אַזוי פּיר טאָן פאַר שבת - מוז ער זײַן אַ <u>געקאָווע‍טער</u>
ייִד". <u>י. העפּטערמאַן, פּער, 155, III/13</u>.

ד) <u>געקאָוועטע צרות</u> - שטאַרקע, גרויסע צרות.

<u>געקאָוועט אויף אַלע פּיר</u> - א) געזאָגט וועגן עמעצן, וואָס
איז גוט צוגעגרייט, גוט באַהאַוונט אין אַ געווויסן
תחום, מע קאָן אים ניט אָפּנאַרן.
ב) וועגן עמעצן וואָס האָט אַ סך דורכגעלעבט, דורכגעמאַכט.

<u>ער איז (גוט) געקאָוועט אין ייִדישקייט</u> - וועגן עמעצן
וואָס ווייסט גוט אַלע ייִדישע דינים און מינהגים.

גײַן — 8

6

ג ע ק א ו ר ש נ ט ש ע ט - פֿאר פון קאוועטשען (זיך).

|הארקאווי|.

ג ע ק אָ ט ע ו ו ע ט - פּאַר פֿון קאַטעוועז.

ג ע ק אָ ט ע ר ט  -  פאַר פון קאָטערן.

געקאָטשעט - פֿאַר פֿון קאָטשען.

געקאַך - דאָס/דער, בא. 1. דאָס קאָכן (זיך) קאָכעניש.

2. (פֿיג) גערודער, טומל, רעש, הו=האַ, הייסער וויכוח, מחלוקת.

1881 "...| דאָס האָט געמאַכט אַזוי איין געקאַך אין שטעטל, |...| וואָס מען האָט דעם פֿ... אָפּגעזאָגט פֿון די שטונדן און |ער| איז געקומען עד כּכּר לחם". 27
אל"ך |קאַרטוזשינסקי|, 1, 27.

1921 " אין בית=מדרש צום דאַוונען איז געווען אַ געקאַך, אַ גערודער". אש, 3, 25. א/25

1966 " אין שטאָט איז געוואָרן אַ געקאַך, אַ האַרמידער. מרים האָט גענומען ביטער וויינען און רײַסן די האָר". באשעוויס, פּער 155, 25/!!. א/26

|| געקאכעניש - דאס, בא. דזוו דפוו.

געקאכערײַ - דאס, בא. דזוו דפוו.

ג ע ק אַ כ ט  –  1. פֿאַר פֿון קאַכן.

2. אַדי/אַדוו. (פֿיג) אויפֿגערעגט, אויפֿגעברויזט.

1865 " דער גביר לייענט איבער די בריוו, איז ער גאַר געקאַכט געוואָרן". רייזענזאָפּס, 1, 10.

1907 " באַלד וועט זיך איבערקערן די וועלט. אַזוי זאָגט פּעסיע, אונדזער שכנה. זי איז געקומען פֿון מחותן אַ געקאַכטע. ס'איז אַ מיוסע מעשה – דער מחתן איז געוואָר געוואָרן, אַז דער חתן (מײַן ברודער אליהו) האָט ניט דעם זייגער". שלום=עליכם, 8א, 62. 35

3. (פֿיג) פֿאַרליבט שטאַרק.

1905 " איך האָב כּמעט פֿון ערשטן מיטאָג אָן |אין רעסטאָראַן| געפֿילט, אַז איך בין אַ געקאַכטער". שלום=עליכם, 34

4א |דריטע זײַט פֿון דערציילונג "יוסף".|

|| געקאַכטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון זײַן/ווערן געקאַכט. % דעם חולה הייסט מען עסן פּירות נאָר געקאַכטערהייט.

1850 " |...| פֿון דער קראַפּט פֿון טשערנשקי: דיא גראבי פלייגמא |=פלעגמע| רייניקט זיא אז מען גיט זייא איין דעם חולה גיקאכטיר הייט אין ווייך |...|". אנ. תעלה ארוכה. 51/א

1973 " ווי די הינער האָבן אויסגעזען געקאַכטערהייט, האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען". ראַזענפֿאַרב, 3, 120. 51/א

Ⅎ געקאַכט און ניט=דערקאָכט - (איר) ווערן אַ נאַר, אַ שלימזל.

1927 " ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז ער איז העכסט אומוויסנדיק, געקאַכט און ניט דערקאָכט, ווי מען זאָגט". בודזאַהן, 4, 25.

ם **<u>גקאכטער הייט</u>**

1748 " דאך ווען מן עסט |ווייסע| ריבן <u>גקאכטער הייט</u>,
דז מן זי ניט מיט ברוט עסט אזו מאכט מן דיא 51
(ברכה בורא פרי האדמה)". <u>סידור תפילות, דף קע - 2</u>.

 געק - [illegible].

ג ע ק אָ כ ט ס - ---← <u>געקעכץ.</u>

18 - גײן

ג ע ק א כ ע ט (ז י ך) - פאר פון קאכען זיך.

גײַען

געקאַלאַטשעט – פֿאַר פֿון קאַלאַטשען, |האַרקאַווי|.

ג ע ק אַ ל אָ י צ ע ט - פֿאַר פֿון קאַלאַיצען.

ג ע ק אַ ל ו פּ ע ט - פֿאַר פֿון קאַלופּען.

(?נ?) ם |געקאלט| ג י ק א ל ט - <u>אדי/אדוו</u>. <u>בנב</u>.

1700 " נאך דעם אז זי |=זיי| הבן גזינדיקט הט גאט

פֿר בארגן דש פנים פון זי זענן זי גבליבן <u>גקאלט</u> 56

פון אלי זייטן די כלי מלחמה מיט די המצאות הבן

זי ניט גוויסט". <u>שבט יהודה, דף יט/א</u>.

1716 " נבוכדנצר האט מאכן ארבטן זיין חיל איין

גרושי ארבט אויף שטאט צור |...| ביז דא איז גווארן 57

איטלכר קאפ פון די בעל מלחמות <u>גיקאלט</u> מפח גרושי ארבט".

<u>ס' המגיד, 3, יחזקאל, כט - יח</u>.

<u>רעד</u>: "געקאלט" צי געקאלט"? און וואס מיינט עס?

ג ע ק א ל י א ק ע ט - פאר פון קאליאקען.

ג ע ק אַ ל יִ ע ט / געקאַלייעט - פֿאַר פֿון קאַליִען/קאַלייען.

ג ע ק אַ ל י ע ט ש ע ט - פֿאַר פֿון קאַליעטשען.

26 – גין

ג ע ק אָ ל (ע) כ ט – פֿאַר פֿון קאָל(ע)כן.

27 - גזן

ג ע ק א ל ע ק א ט ש ע ט - פֿאר פֿון קאלעקאטשען.

ג ע ק אַ ל ע ר - <u>דאָס/דער, בא.</u> דאָס (דויערנדיקע) קאָלערן (זיך).

ג ע ק אָ ל ע ר ט – פאר פון קאלערן (זיך).

ג ע ק א מ א נ ד ע וו ע ט - <u>פאר פון</u> <u>קאמאנדעווען</u>.

ג ע ק אָ מ ט – פאַר פֿון קאַמען.

(?נ?) ם|געקאמערט| ג י ק א מ ר ט - בנב.

1696 " ניט עש איז פר מיטן מיין שטערק פון דיר
דש איך בין ווארן גימאכטט איך פֿר בורגנים איך 63
בין ווארן גיקאמרט אין אונטרשטן דיש ערטרייך".

|סידור| תפלה למשה |...|, דף ש3 - 1.

---

רעד: יהואש טײַטשט דעם פּסוק (תהילים קלט - טו)
אזוי: רֻקַּמְתִּי בְּתַחְתִּיּוֹת - געשטריקט געוואָרן אין
טיפֿענישן פֿון דער ערד.

---

ג ע ק אָ נ ט - פֿאַר פֿון קאָנען.

34 געק - .

ג ע ק אַ נ ט י ק ט - אדי/אדוו. (שנש) מיט (שאַרפּע?)

קאַנטן; קאַנטיק.

1929 " נאָר שטובן און ווענט געקאַנטיקט // ווערן

אַלץ האַרטער און שטרענגער". האַלקין, 1, 22. 64

ג ע ק אַ נ ט ע וו ע ט – פֿאַר פון קאָנטעווען.

געקאנטשעט - 1. פאר פון קאנטשען.

2. אדי, אויך סובסטאנטיווירט (סלאוו, נא).

דער/די וואס האט פארענדיקט א העכערע בילדונג=
אינסטיטוציע. % דאס מיידל האט גענומען א פיינעם
חתן, א געקאנטשעטן אדוואקאט, זי אליין איז אויך
א געקאנטשעטע.

1937 " נו, און צום ווייב, פאר וואס האט ער פסדר
גערעדט רוסיש? - פארשטייסטו מיך... אן אקושערקע... 65
א 'געקאנטשעטע'... איז אויך גלייכער, אז מען רעדט
צו איר רוסיש". אלחנן צייטלין, 1, 506.

1951 " |...| דאס האט ער זיך פארגעשטעלט אלס א
'געקאנטשעטער' |=לד| דאקטאר". שניאור, 7, 138. 69

~~242~~ - גאָן

36/1

32

ג ע ק אַ נ ס י ד ע ר י ר ט - פֿאַר פֿון קאַנסידערירן.

(?)

36/2

ג ע ק אַ נ ס ע ט  -  <-----  **געכּנסעט.**

ג ע ק אָ נ(ע)ר אַ י ע ט - פאר פון קאנ(ע)וואיען.
|הארקאווי|.

(ג ע )ק א נ ק ו ר י ר ט - פֿאַר <u>פון קאָנקורירן</u>.

ג ע ק א ס ט - פֿאַר פּון קאַסטן.

40 - גין

ג ע ק אָ ס ע ט - פֿאַר פון קאָסען.

41 - גײַן

ג ע ק א ס ע נ י ר ט - פּאר פון קאסענירן, |הארקאווי|.

ג ע ק א ס פ ע ר ט – אדי, (פּפ געקאשפּערט. (גלש)

געגנבעט.

1883 " ליידער האט ער |דער רובל| יצרוס געמען:

געגנבעטער רובל, געשווינדלטער, פאלשער, געקאספערטער 70

רובל". אנ, דער רייזענדער, 1, 14.

43 – צין

געקאָסקעט – פֿאַר פֿון קאָסקען, |האַרקאָווי|.

44 - גײן

ג ע ק אָ פּ ט ש ע ט – פֿאַר פֿון קאָפּטשען.

(ג ע) ק אָ פּ י ר ט - פֿאַר פֿון קאָפּירן.

46 - גײן

ג ע ק א פ ע ט - פאר פון קאפען.

47 - גאַן

ג ע ק א פּ ע ט - פֿאַר פֿון קאָפּען.

גע - 4719

ג ע ר אָ́ ם - ----← **געראָ́ם.**

48 - גײַן

ג ע ק א פּ ר י ז ע װ ע ט - פֿאַר פֿון קאַפּריזעװען.

49 — גזין

געקאָציעט (זיך) - פּאר פון קאַציען (זיך).

50 - גײן

ג ע ק א ק ט - פאר פון קאקן.

51 – גדין

ג ע ק אַ ר אַ ב ק ע ט (ז י ך) – פֿאַר פֿון קאַראַבקען (זיך).

געקאָראָ|וליעט – ~~פֿאַר פּוּן קאָראַמבּוליעט.~~

← געקאַראַמבאָליעט.

53 – גזן

ג ע ק אַ ר אָ ו ל י ע ט – פֿאַר פֿון קאַראָוליען.

54.-55. - געק

51

ג ע ק אַ ר ב ט – 1. פֿאַר פֿון קאַרבן.

2. אַדי/אַדוו. מיט קאַרבן, איינגעקאַרבט.

1881 " אין דעם זכות וואָס איך האָב היינט גענומען

78 די ערבֿה, וואָס אירע בלעטלעך זענען געקאַרבט |...|".

איין נייע שס תחינה. אתרוג=בענטשן.

1900 " צו דאַמען=קליידער איז דאָ אַ ספּעציעלער פּאַס,

87 אויף וועלכן מען ציט זיי אָן, דאַדורך קומען זיי אַרויס

אָן קנייטשן און ניט געקאַרבט |...|". ש. שפּירא, 1, 125.

1968 " געקאַרבטע דיקע שטאַמען פֿון |...| קליאַנען

קאנק קריכן פֿון וואַלד=טיפֿעניש". גראַדע, 7, 351.

3. געקנייטשט, גערונצלט (וועגן פּנים, הויט).

1948 " די קנייטשן פֿון זיין פּנים פֿיל טיפֿער געקאַרבט".

קאנק נסתר, 6, 64.

ג ע ק אָ ר ב ט – 1. פֿאַר פֿון קאַרבן.

2. אַדי/אַדוו. מיט קאַרבן, איינגעקאַרבט.

1881 " איך דעם זכות וואָס איך האָב היינט געגומען

78 די ערבֿה, וואָס אירע בלעטלעך זענען געקאַרבט |...|".

איין נייע שס תחינה, אתרוג=בענטשן.

1900 " צו דאַמען=קליידער איז דאָ אַ ספּעציעלער פּאַם,

87 אויף וועלכן מען ציט זיי אָן, דאַדורך קומען זיי אַרויס

אָן קנייטשן און ניט געקאַרבט |...|". ש. שפּירא, 1, 125.

1968 " געקאַרבטע דיקע שטאַמען פֿון |...| קליאַנען

קאַנק קריכן פֿון וואַלד=טיפֿעניש". גראַדע, 7, 351.

3. געקנייטשט, געראונצלט (וועגן פּנים, הויט).

1948 " די קנייטשן פֿון זיין פּנים פֿיל טיפֿער געקאַרבט".

קאַנק נסתר, 6, 64.

1968 "אויך דער בחור קוקט אויף דער אַלטיטשקערס

קאנק הויכן געקאַרבטן שטערן |...|". גראַדע, 7, 83.

|| געקאַרבטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצבֿ

פֿון זײַן געקאַרבט.

ג ע ק אַ ר ב י ר ט - דזוו געקאַרבט, ב 2.

% געקאַרבירטע לאַקן.

|1930-1926| "ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ בלעכן שיידל
אַ האַלב קײַלעכדיקן געקאַרבירטן שופֿר פֿון צפֿת".
אָפּאַטאַשו, 10, 103.

77

58 געק - [redacted]

ג ע ק אַ ר ב ט  ק ר ו י ט - (<u>באָט</u>) זגאַל פֿון קרויט,

האָט געקאַרבטע בלעטער .

(*Brassica Oleracea, var. Sabauda* <u>ווסנ</u>)

1930 " מען נעמט <u>געקאַרבט</u> (וואָלאָסקע)קרויט, מען

בריט אויס די בלעטער אין אַ משך פֿון צען מינוט אין 75

הייס וואַסער |...|". <u>ב. שאַפּראַן, 1, 21</u>.

(2)

ג ע ק אָ ר ג ט - פֿאַר פֿון קאַרגן.

ג ע ק אָ ר ט ע ט – פֿאַר פֿון קאָרטען.

61 .[illegible] - געק

(?נ?) ג ע ק אָ ר ט ש - דאס, בא. (שנש) דאָס קאַרטשען (זיך).

1967 " אַפילו דאָס פאַרשעמטע געקאַרטש פון זיקנה אַרום

דייַנע בלייכע אויערן פאַרמאַגט די פראַכט פון אַ 81

קענגרײַך". י. פרידמאַן, 4, 65.

ג ע ק אָ ר ט ש ע ט (ז י ך) - 1. פֿאַר פּוּן קאַרטשען (זיך).

2. גערונצלט, געקנייטשט |ליפּשיץ 2|.

63 – גײן

געקאָרטשעוועט – פֿאַר פֿון קאָרטשעווען.

ג ע ק אָ ר מ ע ט - פֿאַר פֿון קאָרמען.

ג ע ק אַ ר נ ט - אַדי/אַדוו. 1. (שנש) ווי קאַרן
|ווי קערנער פֿון קאַרן?|.

1926 " ווערטער געקאַרנטע, אות נאָך אות, // פֿאַר לידער
פֿאַר מיינע געפֿין איך". לייוויק, 6, 303. א/82

2. ווי קערנער.

" מחוספס - געקאַרנט, קערנער". גורדון, 1, שמות, טז - יד. 83
|תּי: מחוספס - שופּיק|.

3. בטב.

... " און יוסף האָט געעפנט די שפּייכלערס מיט קאָרן,
און ער האָט געקאַרנט צו די מצרים". באר משה, 82
בראשית, מא - 56.

66 - גין

ג ע ק אָ ש ע ט - פאר פון קאשען.

ג ע ק אָ ש ק ע ט - פֿאַר פֿון קאַשקען.

ג'ין

ג ע ק ו ו א ט ש ע ט - פאר פון קוואטשען.

ג ע ק וו אַ ט ש ק ע ט - פֿאַר פון קוואַטשקען.

ג ע ק ו ר א ל ט - פֿאר פֿון קוואלן.

ג ע ק ו ו אָ ל ן - פאר פון קוועלן.

72 - ג׳ין

ג ע ק ו ו א ס ע ט - פאר פון קוואסען.

7211 גע – 55

ג ע ר ג ל  –  דאס, =ער. ~~[illegible]~~ גארגל|או״רו|.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

רעד: ניט געהערט פֿון אַזאַ פֿאָרמע, ניט אין וואָלין,
ניט אין ליטע. [illegible] פֿון גאַרגל.

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

73 – גדין

ג ע ק ו ו אַ פּ ע ט (ז י ך) - פאַר פון קוואַפּען (זיך)

ג ע ק ו ו אָ ק ט ש ע ן - פֿאר פֿון קוואקטשען.

75 .25 - געק

70

געקוואַקע - דאָס, בא. דאָס(דויערנדיקע)

קוואַקען אָדער דאָס קוואַקען פֿון א סך היגער.

|| געקוואַקערײַ - דאָס, בא. דזוו דפּוו.

1949 " דאס געקוואַקערײַ פֿון די היגער און דאָס

געכאַלדער פֿון די אינדיקעס". י.י. טרונק, 7, 221. א/95

ג ע ק ו ר א ק ע ט - פֿאר פון קוואקען.

77 - גק

ג ע ק ו א ק ע ט - פאר פון קוואקען.

ג ע יִק ו ו אָ ר ט - פֿאר פֿון קוואַרן.

79 - גײן

ג ע ק וו אַ ( ר ) ט י ר ט - פֿאַר פֿון קוואַ(ר)טירן.

80 - ען

ג ע ק ו ר י ט ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון קוויטעווען.

ג ע ק ו ו י ט ש - דאס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע קוויטשן אָדער דאָס קוויטשען פֿון אַ סך (מענטשן, בעלי=חיים).

1927 " |...| העלפֿט אונדז מיט געקוויטש דאָס מײַזל // און די פּושקע מיט געקלאַנג". מ.ל. האַלפּערן,2,266. 97

1958 " פֿון דער ווייטנס האָט זיך פֿאַרנומען אַ געקוויטש, אַ פּאַטשעניש, אַ ווינטשעניש". באַשעוויס, פֿער 9, ג' פּסח, 32. 102

|| געקוויטשעניש - דאָס, בא. דיזון דפּוו |סטוטש 280|.

געקוויטשערײַ - דאָס, בא. דיזון דפּוו.

1878 " אַ געוואַלד, אַ געשרײַ, אַ געקוויטשערײַ איז געגאַנגען ביז אונטערן הימל". ימבר"ע, 1, 45(47). 104

1881 " דערוויַיל זענען די יִנגלעך וויַיטער אַרויסגעלאָפֿן

אויפֿן גאַס: אַ געשריי, אַ <u>געקוויטשעריי</u>". 105

<u>שאַצקעס, 1, 135</u>.

ג ע ק ו ו י ט ש ע ט - פֿאר פּון קוויטשען.

ג ע ק ו יי ט ל ט - אדי/אדוו. 1. געמוסטערט, באַמאַלט מיט בלימלעך. % געקווייטלטער סאַמעט. א געקווייטלטער מוסטער. די פּויערטע טראָגט א געקווייטלט טיכל אויפֿן קאָפּ.

1967 " שלעפּט ער ארויס פֿון זייַן טיפֿער קאַמבינעזאָן=
קעשענע א געקווייטלטע פּאַטשיילע, ווישט די גרויסע 109
טראָפּנס שווייס פֿונעם שטערן". י. יאַקיר, פֿער 131,
נ' 8, ז' 33.

2. ווי קווייטלעך, בלימלעך.

|1917-1907| " עס ווערן טונקל די געקווייטלטע
פֿאַרפֿרוירענע שויבן". בערגעלסאָן, 18, 44. א/109

3. (פֿיג) מליצהדיק, רעטאָריש (וועגן רייד). די דרשה זייַנע איז געווען אַ געקווייטלטע, מיט הויכע ווערטער און פֿראַזעס.

געקווײלט – 1. פֿאַר פֿון קוויילן |?|.

2. אַדי/אַדוו. געערגערט, אין קלעמעניש.

|| געקווײלטקײט – מצב פֿון זײַן געקווײלט.

1912 " איך וועל דיר דערציילן, – האָט ער מיט א

111א געקווײלטקייט אין פּנים געענטפערט, ווי ער וואָלט

זיך געצווונגען צו רעדן". ווייסענבערג, 4, 49.

ג ע ק וו י ק ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון קוויקן (זיך).

געקוועטשט - 1. פֿאַר פֿון קוועטשן.

(אָפט איראָניש)

2. אַדי/אַדוו. (פֿיג) באַטאָנט, אַקצענטירט. % געקוועטשטער טראַף. אין דעם וואָרט איז דער צווייטער טראַף א געקוועטשטער.

3. (פֿיג) אָנגעצויגן, געצווונגען, ניט נאַטירלעך אין אויפֿפֿיר. | ליפּשיץ2.

|| געקוועטשטקייט - די, בא. אײַגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געקוועטשט.

געקוועטשטערהייט - אַדוו. אין מצב פֿון זײַן געקוועטשט.

ג ע ק ו ר ע ל ! - דער/דאס, בא. (שנש) דאָס (דויערנדיקע) קוועלן (האָבן הנאה).

1956 " און א געפֿאך אַזאַ און אַזאַ פֿריידיקער געקוועל

// פֿונעם צוריקקום אויף די ליבלעכע, די ליבע 116

ערטער". מארקיש, 11, 596.

ג ע ק ו ו ע ל II - דער/דאס, בא. (שבש) דאָס

(דויערנדיקע) קוועלן (פֿון קוואַלן).

1961 " אַ נײַ געזאַנג, ישראל,// זאָל ווי אַ שופר זיך

צעשאַלן,// פֿאַר דאָרשטיקע אין אַ געקוועל// פֿון פֿרישע, א/117

קוויקנדיקע קוואַלן". ג. ציטרין, פֿער 24, 256.

ג ע ק ו ר ע ל !!! - דאס/דער, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע קווען זיך (ערגערן זיך, קלעמען זיך).

1969 " פון שטענדיקן געקווועל האט געקלאגט דעם דיכטערס שוויגן". י. אקרוטני, פער 38, נ׳ 66. א/116

ג ע ק וו ע ל ט I - <u>פאר פון</u> <u>קוועלן</u>. (האבן הנאה,
פרייען זיך).

געקווּעלט !! - 1. פֿאַר פֿון קוועלן (פֿול ווערן, אָנגיסן זיך, גרעסער ווערן, וועגן אַ קוואַל, טײַך).

2. געשוואָלן, אויפֿגעבלאָזן.

1908 " צום קרייץ גענאָגלט, מיט אַ בלייכן פּנים,// 118
מיט ווילדן שמערץ אין די געקוועלטע גלידער,//
באַטראַכטסטו דײַנע שונאים,// וואָס רופֿן זיך מיט אומרעכט
דײַנע ברידער". ראָזנפֿעלד, 5, 70.

געקוועלט !!! - 1. פֿאר פון קוועלן.

(דערקוטשען, ערגערן מאטערן).

2. אדי/אדוו. געערגערט, געמאטערט, געקלעמט.

1918 " ווען איינער האט געהאט אן אומרעכט, אן עוולה

120 פון צווייטן, |...| האט דער געקוועלטער מעפב=הקריאה

געוועזן". עלזעט, 2א, 48.

ג ע ק ו ו ע נ ק ל - <u>דאָס/דער, בא.</u> (<u>שנש</u>) דאָס (דויערנדיקע)

קווענקלען זיך.

1956 " דאָס האָט מען דאָך וועגן זיי געפּרוּווט אין דומע

מאַכן אויפֿמערקזאַם אַן פּחד, אָן <u>געקווענקל</u>". 121

<u>מאַרקיש, 10, 183</u>.

95 - גזין

ג ע ק ו ו ע נ ק ל ט ( ז י ך ) - פֿאַר פֿון קווענקלען (זיך).

95/1   גער –

78

ג ע ר ו י ם – דזוו גערא<u>ם</u>.

|| גערוימקייט – דזוו געראמקייט.

ג ע ק ו י ל ע ט - פֿאר פון קוילען/ [illegible]

|| געקוילעטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון זיין געקוילט.

% געקוילעטערהייט האט די הון זיך נאך געווארפן.

ג ע ק ו י ל ע ר - דאָס/דער, בא. |סטוטש 201|.

דאָס דויערנדיקע קוילערן (זיך) אָדער דאָס קוילערן

זיך פֿון אַ סך זאַכן.

|| געקוילערײַ - פֿאָס, בא. דזוו דפּוו.

ג ע ק ו י ל ע ר (ז י ך) - פֿאַר פֿון קוילערן (זיך).

ג ע ק ו י ל ע ר ײַ - דאס, בא. (שנש) שחיטה,

מאַסאַקרע.

1920 " |...| מחנות פֿון פּױלישע בונטאַרן, װאָס זענען גרייט

132 יעדע מינוט אויפֿצוהייבן די פֿאָן פֿון מרידה און

אָנצוהייבן א געקוילערײַ". ב. רעסלער, פֿער 69, ז/3.

ג ע ק ו י פ ט  –  פאר פון קויפן.

ג ע ק ו י ק ל - דער/דאָס, בא. |סטוטש 201|.

דאָס דויערנדיקע ~~דויערנדיקע~~ קויקלען אָדער דאָס

קויקלען (זיך) פֿון אַ סך זאַכן.

ג ע ק ו י ק ל ט - פֿאר פֿון <u>קויקלען</u>.

102/1 — גע — 97

(?נ?) געקולטורעוועט — פֿאַר פֿון קולטורעווען.

|פֿער 90, XXXI, ז' 27|.

103 – שק

ג ע ק ו ל י ע ט (ז י ך) – פֿאַר פון קוליען זיך.

ג ע ק ו מ ע ן  -  פֿאַר פֿון קומען.

|| געקומענקייט - די, בא. (שנש) דער מצב פֿון
האָבן געקומען.

1963 " ווייל זי קען ניט פֿאַרטראָגן דעם טעות פֿונעם
גואלס געקומענקייט". ליוויק, 14, 77. א/147

▱ געקומען פֿון/(עלט) אום ברויט (וואר: פֿון פֿאַרמעגן) -
(עלט) פֿאַראָרעמט געוואָרן.

1844 " ווײַל ער האָט ניט גענוג צדקה געגעבן, דרום
איז ער אום זײַן פֿאַרמעגן געקומען". פֿאָוויר 1א, יט-ב. 137

1868 " וויפֿל מענטשן |...| זענען איבער די דאָזיקע
|חסידישע| מחלוקתן אומגעקומען, |...| געקומען פֿון 138
ברויט?". פֿער 177, 7, נ׳ ז׳ 51 - T.

געקומען פון שכל - (עלט) אראפ פון זינען, משוגע געווארן.

1876 " |...| ווײַ מיר, עס האט א פנים, אז ער אינ, חלילה, פונעם שכל געקומען". גאטלאבער, 2, 58. 139

ווויל געקומען! - (עלט) באגריסונג צו א געווונטשענעם גאסט, ביים אריינקום.

ג ע ק ו מ ע ר ט - פֿאַר פֿון קומערן (זיך).

געקוסט - דער/דאס, בא. |סטוטש 250|.

פאר זאמל=נאמען, א סך קוסטעס, א געזעמל פון קוסטעס.

ג ע ק ו פּ ע ר ט - אַדי/אַדוו. 1. באַדעקט מיט
אַ דינעם שיכט קופּער. % די פּאַן איז אַ געקופּערטע.
אין קיך שטייען עטלעכע געקופּערטע שיסלען.

2. (פיג) ווי דער קאַליר פון קופּער.

1928 " ברודער מיינער, זון געברענטער, // רויט
געקופּערטער, פאַרקופּערטער, // פאַרנעם צו מאָל 151
ס׳גערודעריי פון רעדער". לייוויק, 5, ליד
" די פליגלען פון באַגינען"|.

ג ע ק ו פ ע ר צ ט - פֿאַר פֿון קופּערצן | הארקאורי.

110 - גע״ן

ג ע ק ו צ ע ר א ב ע ט - פֿאַר פֿון קוצעראַבען |האַרקאַווי|.

ג ע ק ו ק – דער/דאס, בא. דאס דויערנדיקע קוקן
אדער דאס קוקן פון א סך מענטשן.

1928 " מאסקע וועט אהיים פארן אין שטעטל אריין
מיט זיין פלה און ארויסגיין שפאצירן אין די גאסן, ד/153
אזוי געארעמט, |...| וועט ווערן א געקוק". אש.9.83.

1974 " וואס איז דאס פאר א ביין געקוק? זיי זענען
דאך געקומען אויפן פעלד ארבעטן... וואס קוקן זיי א/153
אויף איר ווי אויף א ביין וווּנדער?! עלבערג.2, 167.

|| געקוקעריי – דאס, בא. דזוו דפוו.

... " עס ווערט א געקוקעריי אויף איר |...|".
פרץ, 4א. 154

ג ע ק ו ק ט - פֿאַר פֿון קוקן.

ג ע ק ו ק ע ט – פֿאַר פֿון קוקען.

(גע)ק ו ר י ר ט - פאר פון קורירן.

115 - גרין

ג ע ק ו ש ט - פאר פון קושן.

116 געק - .49

געקושעריַי - דאס, בא. דאָס דויערנדיקע

קושן (זיך) אָדער דאָס קושן זיך פֿון אַ סך מענטשן.

1893 " אויף איין מאָל פֿאַלן זיי זיך איינער דעם

אַנדערן אויף דעם האַלדז און מען צעקושט זיך...

ווערט צווישן די פֿאַמיליעס אַ געקושעריַי".

ארנשטיין, 2, 145.

ג ע ק י ב ע צ ט - פֿאַר פֿון קיבעצן.

ג ע ק י ט ע ו ו ע ט - <u>פֿאר פֿון</u> <u>קיטעווען</u>.

119 געק - .[redacted]

(?נ?) ג ע ק י ט ע ט ע - (רעג, פראנקרייך) אן עגונה.

1961 " איך בין א געקיטעטע. - א געקיטעטע? - יא,

מיין מאן האט מיך פארלאזן". פער 164/א, יאנואר. 157

(?נ?) ג ע ק יי - דאס/דער, בא. דאס קייען.

(?נ?) || געקייעריי - דזוו דפוו.

רעד: ווערטער זיינען אנגעגעבן דורך א זאמלער, ניטא קיין שום ליט׳ אסמכתא.

121 - ג'ין

~~(ט"ל)~~

ג ע ק י י ט - 1. פֿאר פֿון קייטן.

געק - [redacted].

~~געקייטעט~~ 2 אדי/אדוו. (שנש) געבונדן (ווי)

מיט קייטן.

... „ איינער צו דעם צווייטן פֿעסטער און געקייטער".

159 יהואש, 9.

1949.. „ אַצינד איז מײַן גײַסט // ניט צום גוף קיין

א/159 געקייטער". סוצקעווער, 4, 61.

1967 „ אַלץ איז געקניפּט און געקייט".

ב/159 אהרן צייטלין, 6, 237.

ג ע ק יי ט ל  –  <u>דאס/דער, בא.</u>  1. (<u>שנש</u>)

דאס קייטלען זיך, פארקייטלונג.

1949  " |...| דורך דעם גאנצן <u>געקייטל</u> פון לייבער". ד/164

<u>שניאור, 11, 243</u>.

1964  " |...| אויסגעלייגט די אידעישע קאנצעפציע

און אפילו דעם <u>געקייטל</u> פון די קומענדיקע בילדער".

<u>י. שטערנבערג, פער 131, נ' 4, ז' 19</u>.

2. דער קלאנג פון עפענען/פארמאכן קייטלעך.

1951  " די שטובפענצטער שפאלטן זיך אויף מיט א

פריילעכן <u>געקייטל</u> צו דער גאס".  <u>שניאור, 7, 70</u>.

געקייטלט - 1. פֿאַר פֿון קייטלען (זיך).

2. צונויפֿגעשטעלט אין אַ קייט, אין קייטן(קייטלעך).

1972 " זי איז געווען באַלייגט מיט איר גאַנצער ירושה-
צירונג. אַ געקייטלטער גאָלדענער שילד, ווי אַ שטיק ג/164
פֿאַנצער, |...| האָט פֿאַרדעקט איר ברייטע ברוסט".
צאַנין, 3, 247.

3. אַדי/אַדוו. כסדרדיק פֿאַרבונדן צווישן זיך, ווי
רינגען אין אַ קייט. % די מעשׂיות זײַנען געקייטלטע
איינע אין דער אַנדערער.

1948 " ער איז געגאַן, געגאַן - געקייטלט און באַנאַנד,
// געשלאָסן איינס אין צווייטן, נעענטער און 165
פֿעסטער". מאַרקיש, 9, 55.

1967 " |...| ווינעך אין אַ לאַנד איז געווײנלעך
פֿאַרבונדן מיט אַזוי פֿיל געקייטלטע געשעענישן,
|...| אַז ס'ווערט טייל מאָל אוממעגלעך זיך אַרויסצו-
רײַיסן". גלאַטשטיין, פּער 69, II/3. ב/164

|| געקייטלטקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון
זײַין געקייטלט.

□ געקייטלטער חילוק - (טערם מאט)...

........................................................................

רעד: עקוויוואַלענט פֿון רוסישן Последовательное деление
טערמינ' אַלג' - אַבֿטמ', די נײַע שול, 7 -8, ווילנע, 1920.

........................................................................

געקייטלטע קלאַמערן - |סטוטש 54| בנב.
(מיינט מען אַזאַ קלאַמער: { ? )

ג ע ק ײַ כ ט - פֿאַר פֿון קײַכן.

126 - עק

ג ע ק ײ ל ט - פֿאר פֿון קײלן.

געקיי(ע)ט - 1. פאר פון קייען.

2. אדי/אדוו. וואס איז געקייט געווארן. % דער האלדז טוט אים גוט וויי, ער קען אפילו קיין געקייטע שפייז ניט אראפשלינגען.

|| געקייטס - דאס, בא. (עלט?) שפייז וואס איז געקייטע געווארן. % אז דאס קינד האט נאך ניט געהאט קיין ציין, פלעגט מען אים געבן געקייטס.

[7 געקייטע איז ניט געשמאק - (שוו) געזאגט וועגן עפעס וואס איז איבערגעחזרט, ניט ניי, ניט אריגינעל.

געקייעט (זיך) - פֿאַר פֿון קײַען זיך. (ברטה האבן).

ג ע ק ײַ ק ל - דאָס/דער, בא. |סטוטש 201|.

דאָס דויערנדיקע קײַקלען (זיך) אָדער דאָס קײַקלען

(זיך) פֿון אַ סך זאַכן.

ג ע ק ײַ ק ל ט - פֿאַר פֿון קײַקלען (זיך).

131 - גזק

ג ע ק י כ ל ט - ---⟸ געקעכלט.

ג ע ק י ל ט – 1. פֿאַר און פֿאַדי פֿון קילן.

2. (ספּעץ ווענן לופּט) וואָס איז געהאַלטן אין אַ שטענדיקער באַשטימטער טעמפּעראַטור מיט דער הילף פֿון אַ לופּטקילער.

ג ע ק ו מ ע ר ט - פֿאר פון קומערן.

134 - גין

ג ע ק י ב ד ל ט - פֿאַר פֿון קיבדלען,

135 - גאָק

ג ע ק י נ י ג ט - פֿאַר פֿון קינ‏יגן.

ג ע ק י נ ס ט ל ט - אדי/אַדוו. ניט עכט; געקינצלט, קינסטלעך.

1948 " |...| ווי אַ געקינסטלטער אומטאַלאַנט פֿאַרנעמט דאָס אָרט פֿון טאַלאַנט". ב. ריווקין, 1, 204. 177

|| געקינסטלטקייט - די, באַ. אייגנשאַפֿט אדער מצבֿ פֿון זײַן געקינסטלט.

ג ע ק י נ צ ל ט - אדי/אדוו. 1. ניט עכט, ניט
נאַטירלעך, געמלאכהט. % געקינצלטע רייד. דער
ברוגז זײַנער איז אַ געקינצלטער, ס'איז נאָר אַן
אָנשטעל.

1895 "יי |די חסידים| פּילן עס ניט און היצן זיך
נאָר דורך געקינצלטן התלהבות פֿון אַ ביסל תיקון, 182
|...| פֿון אַ ריקודל |...|". ליניעצקי, 9, 121.

1951 "די לעבעדיקע שפּירונג פֿון געהיימעניש |...|
וואָס איך זײַן אינטעליגענטישן פּעריאָד איז עס 180
אָנגעשרויפּט געוואָרן ביז צום געקינצלטן מיסטיציזם".
ב. ריווקין, 2, 192.

[1900-1916] "די שפּראַך פֿון וואַרשאַווסקיס לידער איז |...|
נישט געקינצלט". שלום-עליכם, 26, 58. 180/ב

|| געקינצלטקייט – די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פֿון זײַן געקינצלט. % געקינצלטקייט פֿון סטיל. אין דער שפּיל פֿון די אַקטיאָרן האָט מען געפֿילט אַ געקינצלטקייט, זיי האָבן ניט איבערגעלעבט זייערע ראָלן.

139 - עין

ג ע ק י פ ל ט - פֿאַר פון קיפּלען |האַרקאַווי|.

ג ע ק י צ ל ט - פאר פון קיצלען.

ג ע ק י ר ע װ ע ט – פֿאַר פֿון קירעװען.

געקירצט - 1. פֿאַר פֿון קירצן.

2. אדי/אדוו. וואָס איז קירצער. % דעם רעפּעראַט האָט מען אָפּגעדרוקט אין אַ געקירצטער קאָנדענסירטער פֿאָרעם. מיט דעם נייעם געקירצטן וועג שפּאָרט מען זיך איין אַ 15 מינוט פֿאָרן.

|| געקירצטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון זיין געקירצט, קירצער. % מע האָט געלייענט די דערציילונג געקירצטערהייט, אָן די שווערערע פֿראַגמענטן.

געקירצטקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצב פֿון זיין געקירצט.

14211 גע – (פֿון גערטנער). 112

גערטנערן – אוטוור, (נש?) פֿאַרנעמען זיך מיט

גערטנערײַ, פֿירן אַ גאָרטן |אוטוו|.

143 - ג״ן

ג ע ק י ש נ י ע ט - פאר פון קישניעו, הארקאווי.

ג ע ק י ש ע ט - פאר פון קישען, |הארקאווי|.

ג ע ק ל אָ ג – דאָס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע

קלאָגן אָדער דאָס קלאָגן (זיך) פֿון אַ סך מענטשן.

% האַרצרײַסנדיקער געקלאָג. ס'הערט זיך אַ געקלאָג

פֿון די אבֿלים.

1911 " |...| כאַפּט זיך אויף טויבעלע מיט אַ געקלאָג

|...|". מוירער, 1, 18. 187

1927 " הייבן מיר שוין אָן אין אײנעם // אַ געקלאָג

און אַ געזאַנג". מ.ל. האַלפּערן, 2, 266. א/ 187

1965 " איר בליק איז אָנגעלאָפֿן מיט טרערן און זי האָט

מיט אַ שטיל געקלאָג געשעפּעט". קאַגאַנאַווסקי, 4, 67. א/189

|| געקלאָגערײַ – דאָס, בא. דזשוו דפֿוו.

ם
גקלאג.

1764 " דען אויף אלי עקין פון ירושלים וואר אייטל
גקלאג אונ' גשרייא אונ' זיפצן אונ' גוויין פון 184
וויבר אונ' קליין גזינד". יוסיפון, 5, קכב II.

|| גקלאגונג - דזוו דפוו.

1774 " לאמענטאציא, וויינונג, גקלאגונג".
חנוך לנער, כא - II. 194

ג ע ק ל אָ ג ט - 1. פֿאַר און פֿאַדי פֿון קלאָגן.

2. (סובסטאַנטיווירט) דער/די וואָס ווערט אין עפּעס באַשולדיקט ביי אַ משפּט |אַרור|; אָנגעקלאָגטע(ר). (?נ?)

........................................................

רעד: ס'איז אַן אומגעראָטענע און, דער עיקר, אַן אומנייטיקע ניישאַפֿונג. כ'האָב ניט געהערט און ניט געלייענט אין ערגעץ "קלאָגן אין געריכט", נאָר „אָנקלאָגן אין געריכט". „קלאָגן" [illegible]

........................................................

ג ע ק ל א ו ע ט – פאר פון קלאוועז |?|.

1871 "דער ר' אפרים האט ניט לאנג געקלאוועט נאך דער געשיכטע, ער איז איין א פערטל יאר נאך דעם געשטארבן". דיק, 54, 40.

רעד: א) וואס באטייט דאס ווארט; ב) קלאוועז צי קלאוועז?.

ג ע ק ל א ו ע ר ט - אדי/אדוו. בנב.

1975 " זי איז געווען א וויל מיידל, א מויד מיט

קאנק געקלאווערטע פיסקעס, ווי מ'פלעגט זאגן אין ווארשע,

געשניצטע פיסלעך און אל דאס איבעריקע".

באשעוויס, 7, 234.

רעד: אין א ציטאטע טאקע פון באשעוויסן (פארווערטס,
7/X-66) איז דא דער זעלבער עפיטעט אנדערש
אויסגעלייגט: "רוזשקע שמייכלט צו אלעמען מיט
די געקלארוועטע פיסקעס, ווייזט די צאן=גריבעלעך"
דאס לייגט זיך מער אויפן שכל: געקלארוועט =
געקלארעווועט = קלאר, לויטער פנים.

געקלאנג - דאס/דער, ב״א. 1. דאס דויערנדיקע
קלינגען אדער דאס קלינגען פון א סך זאכן.
% געקלאנג פון גלעקלעך. הילכיקער געקלאנג.
זילבערנער, קופערנער געקלאנג. געקלאנג פון מעטאל.
פון קיך הערט זיך דאס געקלאנג פון טישגעשיר.

... " גלחס געקלאנג, חזנס געזאנג, // אינעם מיידלס
צאפ אינעם קינדיקס קראפ |...| האבן מיר געשלאגן 208
קעסטעלעך צוויי". פל.

1927 " |...| פאר זיין בליק א חיל, וואס באפאלט
די שטאט,// |...| און דונערדיקער בליי און 214
שווערד=געקלאנג". מ.ל. האלפערן, 2, 196.

1940 " אין מיטן טאג האט זיך אין שטילן ליפאוועץ
מיט א געקלאנג פון גלעקער |...| אריינגעריסן א 199
פול אנגעפאקטער וואגן מיט מאדנע פארשוינען".
דרוקער, 1, 122.

1967 " און דאָס געקלאַנג איז גערוף און געוויין |...|". פרידמאַן, 4, 18. 206

(?ג?) 2. (עלט?) אַ שמועה, אַ ידיעה וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט.

1938 " געקלאַנג, דאָס - אַ שטאַרקערער קלאַנג זייער שוין פאַרשפּרייט, אַ ייִשוב 'קליינגט' שוין דערמיט". 203
פער 92, נ' 14, ז' 128.

ם גיקלאַנג.

1676 " איך דש מקוה פירט מן זיא מיט גיקלאַנג 201
אונ' ווידר הרויש דש מן עש וואוישן זול דש זי
הוט איין מאן אונ' אנדרי מאנן מויזן ניט מיט איר צו
טון האבן". ברנט שפיגל, פרק לג.

1721 " לובט אין מיט כלי זמרים |...| לובט אין מיט גיקלאנג". מחזור, 2, דף מה - 1. 202

ג ע ק ל אָ נ ט - אדי/אדוו. בנב.

1895 " זי זאָל דאַרט כאַטש שכל האָבן קויפּן אַ גרויסן קויש, די מלבושים זאָלן ניט געקלאָנט ווערן". 217

בעקערמאַן, 12, 64.

רעד: לויטן קאָנטעקסט קאָן דאָס באַטייַטן "געקנייטשט".

153 - גײַן

ג ע ק ל אַ מ ע ר ט  –  פּאָר פֿון קלאַמערן (זיך).

ג ע ק ל אַ פּ – <u>דער/דאָס, באַ.</u> דאָס דויערנדיקע
קלאַפּן אָדער דאָס קלאַפּן פֿון אַ סך זאַכן. % <u>געקלאַפּ</u>
פֿון אײַזנס. פֿון שאָסיי הערט זיך דער <u>געקלאַפּ</u>
פֿון פֿערדישע קאָפּיטעס.

1949 " |...| האָט מען געהערט אַ פּסדרדיקן <u>געקלאַפּ</u>
פֿון האַמערס". <u>טרונק, 7, 214.</u> א/225

1974 " |...| דאָס איז אַ <u>געקלאַפּ</u> פֿון אײַזערנע רעדער
פֿון אַ פֿויערשן וואָגן". <u>עלבערג, 2, 164.</u> א/222

□ <u>גיקלאפּף</u>.

1761 " אזו אנטלופטן אלי שילט ווערטר אוועק צו דש
גיצעלט |...| אונ מאכטן איין <u>גיקלאפף</u> דז ער ןעלט
אויף וואכן ". <u>ס' יהודית |...|, דף ו' – 1</u>.

155 - גזן

ג ע ק ל אַ פּ ט - פֿאַר פֿון קלאַפּן.

געקלאָפּער - דאָס, באַ. (עלט) דזוו געקלאָפּ;
(גע)קלאַפּעריי.

1819 " סוועלן פאר שלאסין ווערן די טורן אין מארק
227 ארײַן אין דאס מיל געקלאפער ווערן |=ווערן זיך|
אײַן טיהעמירן |=אײַנשטילן|". איבז, לעפּין, קהלת,
יב - ד.

1878 " אין מיטן דעם געקלאַפּער קומט אַרײַן אַ יידל,
231 אַ ביסל נידעריק מיט אַ גראָבן בויך". ימבר"ע 1, 42.

|| געקלאַפּעריי - דאָס, באַ.
1864 " |...| האָט פֿון דער ווײַטנס זיך געלאָזט הערן
233 אַ געקלאַפּעריי ערגעץ פֿון אַ מיל". מענדעלע, 44,12.
1934 " באַלד איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי פֿון געוועלבטירן".
235 בערגנער, 1, 136.

157 . [redacted] - געק

1946 " אירע הויכע רעדער האבן זיך געדרייט מיט א

געפילדער און געקלאפעריי". טרונק, 5, 205.

גין

ג ע ק ל א פ ע ר ט – פאר פון קלאפערן |האַרקאָווי|.

159 - גזין

148

ג ע ק ל אָ ד ט - פֿאַר פֿון קלאָרן.

ג ע ק ל ו י ב ן - ----> געקליבן.

(?ג?) ם |געקלויעט| ג י ק ל א ט – מיט טלאָען (וועגן פּיך).

... " מפּריס – דער דא ווש וול גקלאווט".

241/א רייכלין 8, תהילים, סט – לב.

1610 " אל גיקלאט אונ׳ גישפלטן שפלטונג קלואן אויף

241 ברענגונג אינדרוק |?| אן ויך איר זולט עשן".

טײַטש=חומש, ויקרא, יא – ג.

ג ע ק ל ו נ ג ע ן - פֿאר פון קלינגען.

163 - גין

ג ע ק ל י אָ ו ו ע ט – פאר פון קליאוועז, |הארקאווי|.

169 - גזך

ג ע ק ל י אַ ט ש ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>קליאַטשן</u>.

165 - גײן

ג ע ק ל י אַ נ י ע ט - פֿאַר פֿון קליאַניען (זיך) | האַרקאַווי |.

ג ע ק ל י אַ ר ע וו ע ט - אדי/אדוו. לויטער,

געלייטערט. % זי האָט אַ געקליארעוועט פּנים,

בלוט און מילך. 242

167 געק - [redacted].

געקליבן – 1. פֿאַר פֿון קלייבן.

2. אַדי |געקליבענע(ר)|. געוויילט. % די ריכטער
זײַנען געקליבענע דורך די אײַנוווינער, ניט
באַשטימט דורך דער רעגירונג.

3. (פֿיג) בעסערע(ר), בעסטע(ר), פֿון די בעסטע. % די
סחורה בײַ אים איז אַ געקליבענע, פֿון בעסטן סאָרט.
צו אים קומען שטענדיקע געקליבענע קונדן.

1928 " די ביימער איינס ביי איינס, געקליבענע,
ווי די ריזן". אפאטאשו, 4, 13. 247

1941 " מײַן פֿרוכט איז בעסער פֿון גאָלד און פֿון גינגאָלד
און מײַן אײַנקום פֿון געקליבנסטן זילבער". 244
תרגום יהואש, משלי, ח - 19.

1975 " ס'לערנען דאָרט |אין דער ישיבֿה| בלויז צען
געקליבענע בחורים, און דער ראש=ישיבֿה, דער רבֿ, איז קאנק
אַ באַהאַלטענער גאון". באַשעוויס, 7, 199.

ג ע ק ל י ג ט (ז י ך) - פֿאר פֿון קליגן (זיך). 168 -

169 •[redacted] - געק

ג ע ק ל י ג ל ט (ז י ך) – 1. פֿאַר פֿון קליגלען (זיך).

2. פֿאַדי/פֿאַדוו. איבערגעשפּיצט, אויסגעחכמעט,

סאָפֿיסטיצירט (וועגן רייד, קאָמענטאַר א"ע).

1962 " פֿאַרהיט מיך, אַז איך זאָל ניטריידן געקליגלטע

רייד// און זאָגן אַ, הבל=הבלים איז לעבן און 253

פֿרייד". גראַדע, 5, 39.

ג ע ק ל יי ד - דאס, בא. (שנש) זאַמלנאָמען פאַר
קליידונג, הלבשה, אָנטאָן.

1924 " ער איז אַראָפּ פון דער וואַגט, אָנגעטאָן זיך
צוריק אין פּראסטן געקלייד, פּונקט ווי אין סאַמע 254
ערשטן אָנהייב זיינעם". ע. ווארשאווסקי,
פּער 100א, 40.

1947-1945 " און אסתר צווישן די קבֿרים |...|,
איר געקלייד, ווי אין שטורעם אַ זעגל". 255
סוצקעווער, 3, 462.

געקליידט — 1. פֿאַר פֿון קליידן (זיך).

2. אַדי/אַדוו. אָנגעטאָן. % שיין געקליידט.

זיין/גיין געקליידט... יום־טובדיק געקליידט.

אַלע דאַמען געקליידטע אין אָוונטקליידער.

אַלע גייען געקליידט אין זייַדנס און סאַמעט.

1864 " |...| נישט אַהין נישט אַהער, נישט געקליידט

אַלטפֿעטעריש, נישט הייַנטיקמאָדיש |...|". 259

מענדעלע, 12, 43.

1903 " זי ווערט רויט ווי פֿייַער, נישט מחמת זי

איז אַזאַ שעמעוודיקע, נאָר מחמת זי גייט זייער א/257

אָרדינער, פּראָסט געקליידט". שלום־עליכם, 14, 246.

1960 " |...| עפּעס אַ מין פּאַרצייַטיקע גילדענע בראָש

ביי אַ מאָדערן געקליידטער פֿרוי". ניגער, 10, 300. א/267

ם

גיקליידט.

1723 " מיר האבן גילערנט אין דער גמרא דש אלי

(מזונות) פום מענשן זיין אויף גיזעצט אם (ראש השנה), 257

וויא ער דש גאנץ יאר זול לעבן אונ' וויא ער זדל :

גיקליידט גין". ס' המנהגים, דף לו/א.

173 - גק

ג ע ק ל יי ע ט – פֿאַר פֿון קלייען.

174 געק - .

געקלימפּ – דער/דאס, בא. (שנש) דזוו געקלימפּער.

ג/273 1955 "געקלימפּ פֿון שפּין און שפּאַרן".

לייוויק, 11, 328.

ג ע ק ל י מ פּ ע ר – דער/דאָס, באַ. דאָס דויערנדיקע
קלימפּערן אָדער דאָס קלימפּערן פֿון אַ סך זאַכן.

1936 " געפֿײַף פֿון וויבנ, געפֿאָך, געקלימפּער".
לייוויק, 6, 464. א/278

1956 " מען האט געהערט דעם דעמפּיקן געקלימפּער
פֿון די דיסקן". מאַן, 2, 181. 281

1973 " עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק פֿון אײַנגעבראָכענעם
האַלץ, גלײַך דערנאָך האָט אַ געקלימפּער פֿון צעבראַזגעטן ג/273
גלאָז פֿול געמאַכט דאָס צימער". ראָזענפֿאַרב, 3, 75.

געקלינג - דאָס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע קלינגען אָדער דאָס קלינגען פֿון אַ סך זאַכן צוזאַמען.

1929 "זאָל ווערן |...| אַ געקלינג מיט די אײַזערנע פֿרעגנטעס". האַראַנטשיק, 2, 69. 281/ב

1949 " |...| די געבעטן פֿון פֿאָלק ישראל און דאָס געקלינג פֿון בבלישן און רוימישן וואָפֿן". 281/ג

טרונק, 7, 280.

1974 "אַ געקלאַפּ פֿון האַמערס אין שטאָל, אַ געקלינג פֿון קייטן |...| האָט זיך געטראָגן איבערן פֿאָרט". 281/א

עלבערג, 2, 349.

|| געקלינגערײַ - דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

... "פֿלוצלינג ווערט אַ געפּײַפּערײַ, אַ געשווישטשערײַ,

אַ געקלינגערײַ". פּרץ, דערצ, "דער אַלטער ר' שמעון". 282

1967 " די זון האָט געריטן אויפֿן קופּערנעם קופּאָל 283
|...| ביז דאָס געקלינגערײַ צום אָוונט=געבעט
האָט זי אָרויסגעהויבן פֿון מעטאַלענעם זאָטל".
קאַרפּינאָוויטש, 1.

געקלינגל - דאָס, בא. (שנש) דזוו דפוו (איראַניש).

1920 " וואָס איז דער מאַרק אַנטקעגן מיר מיט זײַן
גאַנצן ווערטער=רײַכטום, מיט זײַן שרײַב און מעק, 3/281
מיט זײַן גאַנצן געזינגל און געקלינגל".
פּינסקי, 4, 332.

ג ע ק ל י פ ט ע ר - דער/דאס, בא. בנב.

1928 " אין געקליפטער פון אפצאסן הילכט מיין

וואכעדיקער טראט". פיינבערג, 1, 20. 284

---

רעד: ס'מוז זיין אדער א לאקאלע אדער א פארגרייזטע

פארמע פון "געקלימפער" (דער מחבר האט שלעכט

געהערט? טעות הזעצער?). אגב איז פון קארטל ניט

קלאר צי 'געקליפטער' אדער 'געקליפּטער'.

---

179 - גזן

ג ע ק ל י פּ ע ר צ ט – פֿאַר פֿון קליפּערצן, |הארקאווי|.

ג ע ק ל י ר – דאָס/דער, בא. (דטשמ) דאָס קלינגען,

דאָס בראַזגען.

1923 " אַנשטאָט אַ שטילן האַרפּגעזאַנג – // געקליר

285/ב פֿון שווערד און שפּיז". א.צ. גרינבערג, 2, 55.

1930 " שטורעם דורך מיר, אַרום מיר און אין מיר.

285/א // אינעם האַסט, אין דעם פּלי, אין גאַלעפּ,

אין געקליר". אײַנהאָרן, 6, 42.

ג ע ק ל ע ט ע ר - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס

דויערנדיקע קלעטערן אָדער דאָס קלעטערן פֿון אַ סך.

1956 " שוין יאָרן ווי לייוויק קלעטערט, און דער

287 פּסדרדיקער געקלעטער האָט געשאַפֿן די איבערציײַגונג,

אַז אים 'קליידט' דאָס קלעטערן". גלאַטשטיין,

פֿער 9, II/17.

1963 " צי דאַרף דען זײַן אַ ייִנד די גאַרעניש

284 פֿון מענטשן נאָך געקלעטער?". י. פֿרידמאַן, 3, 104.

2. אַ הויך אָרט צום קלעטערן.

1928 " ס'האָט הײַנט בײַ נאַכט די ערשטע ווילדע

288 בלעטער // אַ געלע האַנט צעוואָרפֿן איבערן

פּאַרק // און אויסגעשפּרייט אַ באַרגיקן געקלעטער".

פֿײַנבערג, 1, 17.

געק - 182.

1974 "גענײטשאַפֿט - מײַן געצווײַיג,// אומשולד - 286/א
מײַן געקלעטער". טוזמאַן, 1, 27.

|| געקלעטערײַ -דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

ג ע ק ל ע ט ע ר ט - פֿאַר פֿון קלעטערן.

184 - גדן

